ב'ה

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## פרקי אבות


פרק ראשון
פרק שני
פרק שלישי
פרק רביעי
פרק חמישי
פרק שישי


### פרק שלישי

אין דריטן פרק פון מסכת אבות שטייט: דע כו' לפני מי אתה עתיד ליתן (דו זאלסט וויסן פאר וועמען דו וועסט דארפן אפגעבן א) דין וחשבון.

איז ניט פארשטאנדיק דער סדר "דין וחשבון". פריער מאכט מען דעם חשבון און לויט דעם חשבון פסקנ'ט מען דעם דין. פארוואס שטייט דא פארקערט - "דין" און דערנאך "חשבון"?

וועט מען עס פארשטיין לויט'ן ביאור פון בעל שם טוב אויף דער משנה, אויך אין דעם פרק, "ונפרעין מן האדם מדעתו ושלא מדעתו".

טייטשט דער בעש"ט: א מענטש באקומט אן עונש נאר "מדעתו", ווען ער אליין פסקנ'ט אפ דעם עונש אויף זיך, אבער "שלא מדעתו" - ער ווייסט ניט אז ער זאגט דאס אויף זיך אליין. ער מיינט אז ער פסקנ'ט אויף יענעם.

למשל: מען איז עם מזמין א צווייטן וואס האט געטאן אזא חטא ווי זיינער, און זענענדיק די עבירה וואס יענער טוט, פסקנ'ט ער אויף יענעם אן עונש, אז עס קומט עם דער און דער עונש. נאך דעם גיט מען עם דעם זעלבן עונש פאר זיין עבירה.

דאס איז "מדעתו", זיין אייגענעם פסק, און "לא מדעתו", ער ווייסט ניט אז ער פסקנ'ט אויף זיך אליין.

לויט דעם וועט מען פארשטיין דעם לשון "דין וחשבון", פריער "דין" און דערנאך "חשבון". צום ערשט קומט דער "דין" וואס ער אליין פסק'נט אפ פאר אזא עבירה (וואס א צווייטער האט געטאן) און דערנאך מאכט מען דעם "חשבון" אז ער האט אליין געטאן אזא עבירה און עס קומט עם דעם זעלבן פסק דין.

(לקו"ש ח"ד ע' 1207)

אין נביא (שמואל-ב, יב, ז) געפינען מיר אן ענליכע מעשה. דוד המלך האט געוואלט חתונה האבן מיט בת שבע. האט ער געשיקט איר מאן אורי' החתי אין מלחמה צו ווערן געהרג'ט.

דערנאך האט ער חתונה געהאט מיט בת שבע. האט דער אויבערשטער געשיקט נתן הנביא צו דוד המלך מיט אזא שאלה:

עס איז געווען א רייכער מאן וואס האט געהאט פיל שעפסן און רינדער. עס איז אויך געווען אן ארימאן וואס האט נאר געהאט איין שעפס. דער קליינער שעפס איז געווען זיין גאנצער פארמעגן. אן אורח איז געקומען צום גביר צו עסן. דער גביר האט ניט געוואלט אוועקגעבן פון זיינע אייגענע שעפסן, האט ער צוגענומען דעם ארעמאנ'ס שעפס, עס געשחט'ן, אפגעקאכט און דערלאנגט צום אורח.

דוד המלך איז געווארן אין כעס אויף דעם גביר און געזאגט עס קומט אן עונש פון מיתה. האט נתן הנביא געזאגט צו דוד המלך: דו האסט געטאן די זעלבע זאך. דו האסט צוגענומען די פרוי פון אורי החתי, קומט דיר אן עונש מיתה. דוד המלך האט תשובה געטאן און ה' האט עם פארגעבן.

---

Back to "Leben Mit Der Tzeit"

*ב"ה*

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## לקראת הקייץ

(א גאנץ יאר לערנען תלמידים אין ישיבה, אבער זומער צייט פארט מען אין קאנטרי און קעמפס, און מען האט דארטן די געלעגענהייט צו משפיע זיין אויף דער סביבה. דאס זעלבע איז מיט די וועלכע בלייבן אין דעי קעמפ, טרעפן זיי זיך מיט אנדערע קינדער).

יעדער איד אין וועלכן ארט ער זאל זיך ניט געפינען - וואס וואו נאר א איד קומט, איז דאך מה' מצעדי גבר כוננו - איז ער א שליח פון אויבערשטן צו מאכן פון דעם ארט ארץ ישראל [א "אידישע" שטיקל ערד און א אידישע סביבה]. ובפרט אז ער זעט ווי כמה וכמה פון זיינע חברים האבן מצליח געווען אין דער דאזיקער שליחות.

קומט אבער דער יצר הרע און טענה'ט מיט עם אז ביי עם זיינען פאראן ספעציעלע שוועריקייטן, ובמילא קען ער ניט ברייגגען א ראי' פון זיינע חברים וועלכע האבן מצליח געווען אין זייער שליחות. אזוי ווי דער יצר הרע איז דאך אן אומן במלאכתו (אן עקספערט אין זיין ארבעט), געפינט ער פאר יעדן איינעם, טענות וועלכע זיינען צוגעפאסט צו עם.

מיט איינעם טענה'ט ער אז די סביבה אין וועלכע ער געפינט זיך איז ערגער פון אלע אנדערע - "עז העם היושב בארץ וגו'." (דער ארום איז שטארקער פאר עם).

צו א צווייטן זאגט ער אז ער איז ניט ראוי צו אזא הייליגע ארבעט.

צו א דריטן קומט ער מיט א טענה: אז ביז ער וועט צוקומען צו די שליחות אליין, געפינען זיך אויפ'ן וועג זייטיגע מניעות, וועלכע לאזן ניט מאכן דעם ארט פאר א מקום תורה.

אויף דעם קומט די הוראה פון אונזער פרשה [פ' שלח]. כלב האט געזאגט די אידן וועגן משה רבינו: קרע לנו את הים והוריד לנו את המן והגיז לנו את השליו (משה רבינו האט פאר אונז געשפאלטן דעם ים, און געגעבן דעם מן און דעם שליו). מיט דעם האט ער אפגעשלאגן די טענות פון די מרגלים ניט צו גיין אין ארץ ישראל. מיט דאס זעלבע ווערט אויך אפגעשלאגן די טענות פון דעם יצר הרע, ניט צו מאכן פון יעדן ארט, א ארץ ישראל. אז אפילו אין אזעלכע פאלן גיט אלע מאל דער אויבערשטער דעם כח צו דורכברעכן אלע שוועריקייטן און אויספירן זיין שליחות.

(לקו"ש ח"ח ע' 91)

Back to "Leben Mit Der Tzeit"